ש. אַנ⸗סקי (ליטעראַרישער פסעוודאָנים פון שלמה⸗זײַנוויל ראַפּאָפּאָרט) איז געבאָרן אין 1863 אין טשאַשניק, ניט ווײַט פון וויטעבסק, געשטאָרבן דעם 8טן נאָוועמבער 1920 אין אָטוואָצק, פוילן. אַ יידישער שרײַבער, פּאָלקלאָר פּאָרשער, קולטור טוער און אָנטיילנעמער אין פּאָליטיק. געשריבן אויף רוסיש און אויף יידיש. זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג פון נאַראָדניקעס. אין די יאָרן 1894 – 1904 האָט אַנ⸗סקי געלעבט אין פּאַריז. אין 1919 האָט ער געשאַפן אין ווילנע די היסטאָרישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט. זײַן דראַמאַטישער ווערק „דער דיבוק (צווישן צוויי וועלטן)“, געשריבן אין 1914, איז געוואָרן זייער באַרימט. ביז הײַנט שטעלט מען אים אויף דער בינע אין פאַרשיידענע לענדער. באַרימט און פאַרשפּרייט איז אויך געווען דער הימען וואָס ער האָט געשריבן, „די שבועה“, וואָס איז געוואָרן דער הימען פון יידישן אַרבעטער בונד איבער דער וועלט.

אַנ⸗סקי איז אַנטלאָפן געוואָרן פון רוסלאַנד אין 1917 נאָך דער רעוואָלוציע, און זיך באַזעצט אין ווילנע אין 1918, וואו ער מיט דעם טעאַטער „ווילנער טרופּע“ האָט רעפּעטירט דעם „דיבוק“. צוליב דעם פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין 1919, איז אַנ⸗סקי, אינאיינעם מיטזײַן טעאַטער, אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ אַטאַקע נאָך אַ פאַרזאַמלונג וועגן דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן די „יידישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט“ אין וואַרשע. די פּרעמיערע פון „דיבוק“ איז געשפּילט געוואָרן אויף דער בינע פון דער „ווילנער טרופּע“, אונטער דער רעזשיסור פון דוד הערמאַן, דרײַסיק טעג נאָכן טויט פון זײַן מחבר.

# ש. אַנ⸗סקי, ווען ער האָט געלעבט און געאַרבעט אין ווילנע, האָט אויף אַ קורצער צײַט געלעבט אין אָט דעם בנין

שאַפער פונעם מעמאָריאַל⸗טאָוול: מינדאַוגאַס שניפּאַס
מחבר פֿון דעם טעקסט: זשילווינאַס בעליאַוּסקאַס
איבערעזעצט אויף יידיש: ראָזאַ בעליאַוּסקענע.
די פּראָדוקציע פֿון טאָוול האָבן פֿינאַנסירט: די געזעלשאַפֿט "ווילנע — ירושלים דליטא" און די פונדאַציע פאַרן גוטן ווילן